יו"ל ע"י
איחוד
תלמידי
וחסידי
טאהש
- גליון פנימי -

# גליו"ן באו"ר החיים

פרשת וילך - שובה - תשפ"ב לפ"ק | גליון תרמ"ט

**וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל.** כבר דקדקו בספרים הק', על מה שנאמר 'אל כל ישראל', האיך אפשר ששים רבוא ישראל, שמעו יחד את קולו של משה.

ובספר הק' בת עין דקדק כן בפרשת דברים (ד"ה אלה), במה שנאמר שם, אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן, ומביא כי חמיו הצדיק ז"ל אמר על זה, כי בעל כרחך לומר, כי קולו של משה היה הולך וגדל למעלה מדרך הטבע, וכמו שנאמר במתן תורה (שמות יט יט) משה ידבר והאלהים יעננו בקול, ופרש"י הק', והקב"ה מסייע לתת בו כח להיות קולו מגביר ונשמע, כן כאשר דיבר אל כל ישראל את ספר דברים, היה הקול הולך ומתגבר למעלה מדרך הטבע, כי השכינה היתה מדברת מתוך גרונו של משה.

וזה בא ללמד לאדם דעת, כי כל ענין לימוד התורה לבני ישראל, ניתנה להם למעלה מדרך הטבע, לכן אף כאשר נראה לעיני האדם, שאי אפשר לו לקבל עליו את עול תורה, ושבדרך הטבע אי אפשר לו לקיים את מצות ה', כי יש לו מניעות ועיכובים, עליו לזכור, כי הקב"ה נותן לו את התורה למעלה מדרך הטבע. אלא שגם האדם מצדו צריך לקבל על עצמו לקיים את התורה למעלה מטבעו ולמעלה מכחותיו, כי בני ישראל אינן נתונים תחת שלטון

## באור פני מלך

ליקוט מדברות קודש אשר זכינו לשמוע מאת
**כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע**

הטבע, ויש להם כח לעשות ענינים שהם למעלה מכחות הגוף ולמעלה מן הטבע.

**שובה ישראל עד ה' אלהיך כי כשלת בעוניך.** כבר דקדקו המפרשים, על מה שאמר כי כשלת בעוניך, וכי הוה אמינא שישוב אל ה', בעת שלא נכשל בעונו.

ויש לרמז בזה, על פי מה שכתבו צדיקים הק', כי עיקר החסרון הוא, מה שהאדם אינו רוצה להודות בעצמו שחטא, וכמו שאמר הכתוב (משלי כא ב) כל דרך איש ישר בעיניו, כי זהו טבע האיש, שדרכו טוב וישר בעיניו, ואינו מכיר שצריך לשוב אל ה'. ובענין זה דעת בעל הבית היא היפך מדעת תורה, כי על פי דעת בעל הבית, בכל עוולה אשר האדם עושה, צריך לפטור את נפשו ממנה מיד, ולפרוק את החטא מעל צוארו, וכאשר נכנס בלבו הרהור של חרטה, על שממהר בתפלתו, ועל שמחסר מקביעת עתים לתורה, מיד מתרץ את נפשו ואומר, וכי מה אוכל לעשות לזה, הלא הנני מוקף בטרדות רבות, ואין לי זמן להאריך יותר בתורה ותפלה, וכך מתרץ לנפשו תמיד בתירוצים שונים, כדי להגן בעדו, שלא יצטרך לשנות ולשפר את מעשיו.

ועל זה אמר הנביא, שובה ישראל עד ה' אלהיך 'כי כשלת בעוניך', אין זה נתינת טעם, שלכך עליך לשוב אל ה', כיון שנכשלת בעוניך, כי זה פשיטא כאשר דקדקנו, אלא פירוש 'כי' הוא מלשון 'אשר', כמו שפרש"י הק' בפסוק (במדבר כ כט) כי גוע אהרן, והיינו שהנביא מורה בזה לבר ישראל דרך התשובה, במה תשוב אל ה', בזה שתהיה מודה בעצמך 'כי כשלת בעונך', שלא תאמר כי דרכך ישר וטוב, אלא תהא מודה על האמת כי נכשלת, ותשא משא החטאים על שכמך.

---

## תורה אור

י.א.ק.

**סיפורים ומאמרים יקרים מלוקט על פרשת השבוע**

**וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל**

אחד מחבירי הרה"ק ר' אשר ישעי' מראפשיץ זי"ע בא פעם לחסות בצילא דמהימנותא אצל רבו הקדוש, וישב בחדרו ימים ושבועות, אך לא זכה כלל לשמוע דברי אלוקים חיים יוצאים מפי רבו ומורה ודאגה עלו בראשו איך יחזור לביתו כשעדיין לא קיבל שום הדרכה והתעוררות לעבודת ה', על כן חשב שלמחרת יגש אל רבו ויבקש ממנו שילמדו דרך בעבודת ה', ויהי בבוקר נכנס להיכלו הקדוש של הרה"ק מראפשיץ וראה את רבו הולך אנה ואנה תפוס בשרעפיו, ובתוך כך פתח ואמר הנה כתיב וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל, וכי סלקא דעתך שהיה משה רבינו משכים לפתחו ומדבר לכל אחד מישראל להשמיע באזניו את דבר ה', פשיטא שלא כך היה, אלא פירושא דקרא היא "וילך משה" בביתו או באהלו דבוק בבוראו, ועל ידי זה "וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל" שסגולת הדביקות האמיתית היא להשפיע לעדה המקושרים אליו הרהורי תשובה ומעשים טובים, ובכוחו ישמעו את קול ה' המדבר אליהם.

(אמרי יהודה)

### והיה כי תמצאן אותו
### רעות רבות וצרות

איתא במסכת ברכות (ה.) אמר ר' שמעון בן לקיש נאמר ברית במלח ונאמר ברית ביסורין מה מלח ממתקת את הבשר אף יסורין ממרקין עונותיו של אדם.

אמר הרה"ק ר' מנחם מענדל מרימנוב זי"ע דגם רעות רבות לא טוב דכמו מלח מרובה אינו טוב להבשר כמו כן רעות רבות אינו טוב לעונות, וצעק לה' "זאלץ נישט צופיל".

(מעינה של תורה)

בית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
9 רחוב בית הלוי
קרית טאהש, קאנאדא

Secretarial of
Grand Rabbi of Tosh
9 Ave. Beth Halevy, Kiryas Tosh, Boisbriand QC J7E 4H4

בבית Tel. (450) 435-0209 | בבנין הישיבה In Yeshiva (450) 430-6420 | פאקס Fax (450) 433-9379

# זמני כניסה

## יהיה עוד זמן להיכנס אל הקודש פנימה
## אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בימי הרחמים והרצון

מיוחד לתושבי קריתינו הקדושה

בעז"ה

## ביום א' (עשי"ת)
## פר' האזינו הבעל"ט

משעה 3:00 אחצ"ה עד 8:00 בערב

**בחדר פרטי**
למטה בבנין ביהמ"ד הגדול

פועלט'ס אלעס גוטס
בברכת כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים גמורים
העומדים על משמרת הקודש

## ביאור הלכה

**הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל**
**אשר עדיין לא ראו אור הדפוס**
**מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו שליט"א**

# דער מנהג פון שלאגן כפרות

•

### א

### שאלה: וואס איז דער ענין, און וואס איז דער טעם, פון שלאגן כפרות?

עס זענען דא עטליכע טעמים אויף דעם ענין פון שלאגן כפרות פאר יום כיפור, ווי פאלגענד:

1. כדי מען זאל נתעורר ווערן צו תשובה און צו תיקון המעשים, בשעת'ן שלאגן די כפרות דארף מען טראכטן אז צוליב די עבירות וואס ער האט געטאן במשך די יאר, קען זיין אז עס קומט אים ד' מיתות ביד דין, חנק, הרג, סקילה, שריפה, און די הינדל איז א כפרה אנשטאט אים, און דורכן אויסצוען דאס הינדל ביים האלדז פארן שעכט'ן ווערט גערעכנט אזוי ווי מען וואלט אים געמאכט חנק, דאס שעכט'ן איז אנשטאט הרג, און דאס אראפווארפן אויף די ערד פארן שעכט'ן דאס איז סקילה, און דאס אפקאכן די פלייש נאכן שעכטן, דאס איז קעגן שריפה, און דאס איז מעורר צו תשובה (שו"ת מהרי"ל סימן קצ"א).

דער מטה אפרים שרייבט: אז מען זאל זיך נישט איינרעדן אז מיטן בלויזן דרייען דעם הינדל העכערן קאפ ווערט מען פטור פון די ד' מיתות בית דין, נאר דער עיקר איז אז מען איז זיך מתבונן אז מען וואלט אים געדארפט אזוי טוהן, און ער האט חרטה אויף אלע זיינע עבירות, און זיך בעטן ביים אייבערשטן אז ער זאל מוחל זיין אויף אלע זיינע עבירות (מט"א ס"ה).

2. וויבאלד דורכדעם וואס א מענטש טוט תשובה צוררייסט מען אין הימל די שלעכטע גזר דין וואס איז נגזר געווארן אויפן מענטש, און כדי די שטראף וואס איז שוין געווען אנגעגרייט אויפן מענטש זאל אויך בטל ווערן, מאכט מען א כפרה אז די אלע שטראפן וואס וואלט געדארפט קומען אויף אים, זאל ארויף גיין אויף די כפרה (שו"ת מהר"י וייל שם, ובסימן קצ"ב).

3. כדי מעורר צו זיין די זכות פון עקידת יצחק, וואס אברהם אבינו ע"ה האט אים ארויף געברענגט אויף די עקידה אים צו שעכטן (אליה רבה ס"ק ז', מט"א שם).

### ב

### שאלה: ווען איז די צייט וואס מען שלאגט כפרות, לכתחלה, און בדיעבד אויב מען האט נישט אנגעיאגט צו שלאגן כפרות פאר יום כיפור?

דער זמן פון שלאגן כפרות הייבט זיך אן צום גדליה ביז יום כיפור, און אזוי פירן זיך רוב מענטשן, ובפרט פרויען און קינדער (קצה המטה ס"ק ח').

און אזוי האט געזאגט דער הייליגער חתם סופר זצ"ל אז פון צום גדליה ביז ערב יום כיפור פארנאכטס איז די זמן פון שלאגן כפרות איינוג, אויסער ערב יום כיפור אין די רגע פון עלות השחר זעה באלד.

טייל זענען מהדר צו שלאגן כפרות א טאג צוויי פאר ערב יום כיפור (פרמ"ג א"א סק"א, אלף המגן ס"ק ב').

חסידים ואנשי מעשה פירן זיך על פי אריז"ל צו שלאגן כפרות ערב יום כיפור פארטאגס נאכן זאגן סליחות (מג"א סימן תר"ה ס"ק א').

רבינו הקדוש שרייבט אין עבודת עבודה אז דער זיידע זי"ע האט מדייק געווען צו שלאגן כפרות פונקט ביים עלות השחר, און דערנאך האט ער געזאגט סליחות (עבודת עבודה שיח"ק דף ע"ב).

און אזוי האט זיך געפירט דער הייליגער חתם סופר זצ"ל צו שלאגן כפרות אין די רגע ווען עס הייבט זיך אן דער עלות השחר, ווייל אין די רגע פונעם עלות השחר האט א ספעציעלע חשיבות, און ווען ער האט געזען אז עס זענען דא מענטשן וואס זענען מקפיד דערויף, און דאס איז גורם אז מען יאגט דעם שוחט אז ער זאל שעכטן זייער הינדל אין די רגע, און דאס ברענגט אז דער שוחט זאל ח"ו נכשל ווערן מיט די שחיטה, האט ער געצערנט דערויף און איינמאל האט ער דירעקט משנה געווען און נישט געשאכטן ביי די רגע פונעם עלות, כדי צו ווייזן הלכה למעשה אז מען זאל נישט מקפיד זיין דערויף אלץ חשש מכשול פארן שוחט (מנהגי חתם סופר פרק ז' אות ט"ז הערה י').

בדיעבד אויב מען האט נישט געקענט שלאגן כפרות פאר יום כיפור, קען מען דאס משלים זיין ביז הושענה רבה (מנהגי חתם סופר פרק ז' אות ט"ז, שו"ת שארית שמחה סוף סימן ח').

### ג

### שאלה: איז א חילוק צי מען שלאגט כפרות ביינאכט, פארטאגס אדער אינמיטן טאג?

דער מנהג איז אז מען שלאגט כפרות בייטאג, און גלייך נאכדעם שעכט מען עס.

דעריבער איינער וואס שלאגט כפרות ביינאכט, קען מען דאס נישט שעכטן גלייך נאכן שלאגן די כפרה, ווייל עס זענען וואס שרייבן אז מען זאל נישט שעכטן די כפרות ביינאכט ווייל ביינאכט איז נישט א זמן פון מקריב זיין א קרבן (נזירות שמשון בהגהות לסימן תר"ה, אלף המגן סק"ה, קצה המטה סק"ט).

חסידים פירן זיך על פי אריז"ל און שלאגן ערב יום כיפור פארטאגס, ווייל דעמאלטס איז א עת רצון און די חסדים זענען זיך מתגבר (מג"א סימן תר"ה ס"ק א').

און עס איז דא אין דעם פארשידענע מנהגים, טייל צדיקים האבן שוין געשלאגן ביינאכט ביי חצות (טור ברקת סימן תר"ה, מועד לכל חי סי' ט"ו אות מ"ז, דרחו"ש אות תשמ"ב), און טייל צדיקים האבן געשלאגן פארטאגס פארן עלות השחר (שער הכוונות דרושי יום הכיפורים, דרכי חיים צאנז אות ק"כ) און געשאכטן נאך עלות השחר, און טייל האבן געשלאגן נאכן עלות, און אזוי איז דער מנהג.

### ד

### שאלה: פארוואס שלאגט מען כפרות מיט א הינדל, און נישט מיט א אנדערע זאך?

דער טור ברענגט צוויי טעמים פארוואס מען שלאגט כפרות מיט א הינדל, און נישט מיט א אנדערע טהור'ע בעל חי, 1. ווייל א הינדל טרעפט זיך אין די הייזער [אמאליגע צייטן] מער ווי אנדערע בהמות חיות טהורות, 2. וויבאלד א מענטש ווערט אנגערופן "גבר", אזוי אויך ווערט א הינדל אנגערופן "גבר", דעריבער זאל קומען דער הינדל און מכפר זיין אויפן מענטש.

דער פרישה שרייבט דעם טעם, וויבאלד אלע אנדערע בעלי חיים רון אנדערע עופות ווי טויבן א.ד.ג. זענען כשר פאר א קרבן, דעריבער כדי עס זאל נישט אויסזען אז מען איז מקריב א קרבן אינדרויסן פון בית המקדש, דעריבער נעמט מען א הינדל ווייל דאס איז נישט כשר פאר א קרבן (פרישה סי' תר"ה ס"ק א').

און די הלכה איז אז אויב מען פארמאגט נישט קיין הינדל, קען מען טאקע נעמען אנדערע טהור'ע בעלי חיים און שלאגן מיט זיי כפרות, אזוי אויך קען מען נעמען פיש (לבוש).

### ה

### שאלה: איז דא א ענין צו נעמען דירעקט א ווייסע הינדל, אדער מען קען נעמען וואס פאר א קאליר אפילו שווארץ?

דער רמ"א שרייבט אז לכתחלה נעמט מען א ווייסע הינדל, מרמז צו זיין אז די עבירות ווערן ווייס, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו (רמ"א ס"א), און אז מען האט נישט קיין ווייסע קען מען נעמען אויך א אנדערע קאליר.

עס איז ווער עס שרייבט: אז מען איז מקפיד נישט צו נעמען א שווארצע הינדל, ווייל שווארץ ווייסט אויף דינים (אלף המגן ס"ק ב').

די פוסקים שרייבן, אז דאס ענין צו נעמען א ווייסע הינדל, איז נאר דעמאלטס ווען עס קומט אן גרינג צו נעמען א ווייסע, אבער אויב עס קומט נישט אן גרינג, למשל מען דארף באצאלן טייערער, אדער מען דארף זיך ספעציעל אנשטרענגען צו קויפן, זאל מען נישט מקפיד זיין דערויף, ווייל עס איז א חשש פון דרכי אמורי (טו"ז ס"ק ב', מג"א ס"ק ג').

### ו

### שאלה: וואס איז די הלכה ווען א זכר האט בטעות געשלאגן א כפרה מיט א הינדל [נקיבה], אדער א נקיבה האט געשלאגן בטעות מיט א האן [זכר]?

דער בוטשאטשער רב זצ"ל שרייבט אז אויב מען האט בטעות פארטוישט א זכר האט געשלאגן מיט א הינדל, און א נקיבה האט געשלאגן מיט א האן, האט מען יוצא געווען, און מען דארף נישט איבערשלאגן (אשל אברהם תנינא סימן תר"ה).

דאס זעלבע איז אז אויב א זכר האט נישט נאר א הינדל, אדער א נקיבה האט נישט נאר א האן, קען מען שלאגן מיט דעם וואס מען האט, און מען זאל נישט מבטל זיין צוליב דעם ענין פון שלאגן כפרות

(אשל אברהם שם).

עס זענען דא וואס האלטן אז מען זאל יא איבער שלאגן (בית ישראל, טויסיג ח"ח סימן קל"א ס"א, מרא דשמעתתא סימן רפ"ב).

### ז

### שאלה: ווען איינער האט נישט קיין הינדל צו שלאגן כפרות, וואס זאל ער טוהן?

מען קען שלאגן מיט געלט וואס איז אזויפיל ווערד ווי א הינדל, און שלאגן כפרות מיט די געלט, און געבן דאס געלט פאר ארימעלייט (חיי אדם).

עס דא ווער עס שרייבט א רמז דערויף, די אותיות פון די ווארט "כסף" במילואו "כף סמך פה" באטרעפט [305] פונקט ווי "כפרה" (אלף המגן ס"ק י"א).

בשעתן דרייען מיט די געלט העכערן קאפ זאגט מען, "זה המעות ילך לצדקה, ואני אלך ואכנס לחיים טובים ארוכים ולשלום, (י"א שיאמר "זה התרנגול אשר ניתן הכסף תמורתו ילך למיתה, ואני אכנס ואלך לחיים טובים ארוכים ולשלום", עטרת יהושע להגרמ"א פריינד על יו"כ עמוד שפ"ו).

### ח

### שאלה: וויאזוי איז דער סדר פאר מען שלאגט כפרות?

עס איז א ענין צו גיין אין מקוה פארן שלאגן כפרות (מטה אפרים סעיף ו').

על פי אר"י שלאגט מען כפרות פארטאגס, טייל זאגן סליחות פארן שלאגן, און אזוי האט זיך געפירט רביה"ק זי"ע (מג"א סימן תר"ה ס"ק א', מט"א ס"ג, ועיין דרכי חיים ושלום אות תשמ"ב).

און טייל פירן זיך צו זאגן סליחות נאכן שלאגן כפרות (חת"ס, מחזור דברי יואל אות כ"ה).

**באמערקונג**

אויב מען וועט דארפן פארשפעטיגן זמן תפלה צוליב די כפרות זאל מען ענדערש שלאגן נאכן דאווענען.

### ט

### שאלה: וואס איז דער סדר פון שלאגט כפרות?

פארן שלאגן די כפרות זאגט מען "לשם יחוד", און דערנאך זאגט מען דריי מאל בני אדם מיט גרויס כוונה, און מען איז מהרהר בתשובה, ווייל דער עיקר כפרה איז די כוונה וואס מען האט בשעתן שלאגן, און עס איז נישט גענוג מיטן דרייען די כפרה אליין (מטה אפרים ס"ו).

- עס ווערט דערציילט אז רבי מאיר מפרימישלאן זי"ע האט אמאל געזען ווי א דארפסמאן דרייט זיין כפרה העכער זיין קאפ, און ער מורמלט אונטער "זה חליפתי". האט אים רבי מאיר'ל געזאגט, דו הערסט וואס די הינדל זאגט ? ער זאגט דעם פסוק אין מיכה (מיכה ג' א') "אני הגבר ראה עני בשבט עברתו, אותי נהג ויולך חושך ולא אור, אך בי ישוב, הפך ידו כל היום, ולא יתאונן אדם על עונותיו", און ער האט און ער האט מסביר געווען זיין כוונה:

עס איז באוואוסט אז א הינדל ווערט אנגערופן "גבר", אזוי ווי חז"ל זאגן קרא הגבר, די הינדל זאגט, "אני הגבר" איך הינדל "ראה עני" זעה מיין פלאג און צער "בשבט עברתו" זעה ווי דער מענטש לאזט ארויס זיין צארן אויף מיר, און ער שלאגט מיט מיר כפרה, "אותי נהג ויולך חושך ולא אור", ער האט מיך גענומען ערב יום כיפור ווען עס איז נאך טינקל איידער עס ווערט טאג, "אך בי ישוב", ער מיינט אז נאר דורך מיר ווערט אנגענומען זיין תשובה, אבער עס איז א טעות "יהפך ידו כל היום", אפילו ער זאל דרייען מיט זיין האנט א גאנצן טאג, וועט עס אים גארנישט העלפן, אויב "ולא יתאונן אדם על חטאיו", ווייל נישט דאס דרייען איז דער עיקר, נאר די חרטה און די תשובה וואס מען האט אין הארץ דאס העלפט.

### י

### שאלה: וואס איז דער סדר ביים שלאגן די כפרות?

מען נעמט די כפרה הינדל אין די רעכטע האנט, (א געלינקטער נעמט דאס מיט די לינקע האנט), און מען דרייט דאס העכערן קאפ, און בשעתן דרייען זאגט מען זה חליפתי וגו' (סידור יעב"ץ).

רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע האט זיך געפירט אז בשעת'ן זאגן "בני אדם" האט ער געהאלטן די הינדל אין די רעכטע האנט, און בשעתן זאגן "זה חליפתי" האט ער געהאלטן די הינדל מיט די לינקע האנט, און ארויף געלייגט זיין רעכטע האנט אויפן קאפ פון די הינדל, און אזוי האט ער עס געדרייט העכערן קאפ (מחזור דברי יואל אות כ"ה).

**באמערקונג**

בשעתן האלטן די הינדל דארף מען אכטונג געבן אז מען זאל עס אנכאפן אויף אזא אופן אז עס זאל נישט ווערן טריפה, דעריבער זאל מען עס נישט אנכאפן אינמיטן די פליגלען און עס לאזן הענגען אין די לופט, ווייל דאס קען גורם זיין עס זאל ווערן טריפה, נאר מען זאל עס אנכאפן די פליגלען נאנט צו די קערפער, דארט ווי עס איז באהאפטן צום קערפער, אדער זאל מען עס כאפן ביי די פיס.

#### דאס זאגן זה חליפתי

די וועלט פירט זיך אז מען זאגט דריי מאל בני אדם איינס נאכן אנדערן, און דערנאך זאגט דריי מאל זה חליפתי זה תמירתי זה כפרתי וכו'.

רבינו הקדוש זי"ע האט זיך געפירט צו זאגן איינמאל בני אדם און תיכף זה חליפתי וכו', און נאכן ענדיגן דרייען האט ער געזאגט נאכאמאל בני אדם און זה חליפתי, און נאכדעם נאכאמאל בני אדם און זה חליפתי (וכן מובא במט"א ס"ג, ובסידור יעב"ץ, וכן נהג רביה"ק מסאטמאר זי"ע מחזור דברי יואל ליו"כ אות כ"ה).

#### סקילה

דערנאך לייגט מען די הינדל נאנט צו די ערד און מען גיט דאס א קליינע ווארף אויף די ערד, און מען האט אינזין אז עס זאל זיין אזוי ווי סקילה, אבער מען דארף אכטונג געבן מען זאל דאס נישט אראפווארפן אויף די ערד אפילו נישט מיט כח, אלץ חשש עס קען ווערן טריפה, און אויך וועגן צער בעלי חיים (מט"א ס"ח קצה המטה ס"ק ט"ז, ובאלף המגן ס"ק י"ג הביא שמטעם זה יש נוהגין לזרקו על הארץ אחר השחיטה).

רבינו הקדוש זי"ע פלעגט אראפ לייגן די הינדל אויף די ערד, און ער האט געזאגט, מען דארף אכטונג געבן נישט ארפצוווארפן אויף די ערד, אלץ חשש עס זאל נישט ווערן א שאלה פון ריסוק אברים און עס קען ווערן טריפה.

#### שריפה - חנק

רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע האט זיך געפירט מקיים צו זיין דעם ענין פון "שריפה" דורכן אפברענען אביסל פון די פעדערן, און ער האט אנכאפט די האלדז, מקיים צו זיין דעם ענין פון חנק (מחזור דברי יואל אות ל"א).

#### סמיכה

טייל פירן זיך אז נאכן שלאגן די כפרה, לייגן זיי ארויף די הענט אויף קאפ פון די הינדל, אלץ זכר צו סמיכה וואס מען האט געמאכט ביי יעדע קרבן, אבער מען זאל נישט טראכטן אז די הינדל איז טאקע א קרבן (רמ"א סעיף א', היעב"ץ בסידורו, מט"א ס"ג).

עס איז דא ווער עס שרייבט אז מען זאל נישט לייגן די הענט אויף די הינדל, ווייל עס זעט אויס ווי מען איז מקריב א קרבן אויסערן בית המקדש (טו"ז ס"ק ג'), איבער דעם זענען דא וואס לייגן די הענט אויף די זייט פון הינדל, אנדערש ווי מען דארף מאכן ביי א קרבן (פרמ"ג משב"ז ס"ק ג', קצה המטה ס"ק י"א).

רבינו הקדוש זי"ע האט זיך געפירט אז ווען ער האט געזאגט די ווערטער "זה התרנגול ילך למיתה" האט ער ארויף געלייגט זיין רעכטע האנט אויפן קאפ פון די הינדל.

#### בשעת שחיטה

טייל פוסקים האלטן אז מען דארף אכטונג געבן אז די הינדל זאל נישט זען וויאזוי דער שוחט שעכט די אנדערע כפרות, אלץ חשש פון טריפות (צמקה הריאה), און וועגן צער בעלי חיים.

### יא

### שאלה: מען פירט זיך אז נאכן שעכטן איז מען מקיים די מצוה פון כיסוי הדם, וואס איז דער סדר פון כיסוי הדם.

אויב עס איז דא אויפגעדעקטע בלוט פון די פריערדיגע כפרות, שפרייט מען אויס דערויף זאמד, אז ווען דער שוחט וועט שעכטן זיין הינדל, זאל ער צודעקן נאר די בלוט פון זיין כפרה.

מען נעמט זאמד אין די רעכטע האנט און מען דעקט דאס צו שטייענדיג.

מען זאגט די ברכה "בא"י אמ"ה אשר קדשנו במצותיו וצונו על כיסוי הדם בעפר", און גלייך נאך די ברכה צושפרייט די זאמד אויף די גאנצע בלוט,

### סגולת חשבון הנפש

**ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא.** הרה"ק רבי ר' בונם פון פרשיסחא האט געפרעגט פון דעם הייליגן לובלינער זי"ע: איך האב געהערט פון רבי'ן אז טאמער א מענטש אנערקענט זיין מצב ברוחניות וויפיל ער איז ווערד, און ער מאכט זיך א חשבון הנפש, איז עס אזוי ווי דער אויסדרוק וואס די וועלט זאגט, אז מען פאררעכנט זיך מיט וועם מען איז אים שולדיג און מען מאכט א חשבון, דעמאלטס אפגערעכנט איז שוין האלב באצאלט, איז עס טאקע אזוי? האט דער הייליגער לובלינער געענטפערט: יא אזוי איז עס טאקע. און ער האט צוגעלייגט, איך וועל דיר דאס מסביר זיין מיט א סברא: ווען איינער ארבעט מיט אומלעגאלע סחורה פון אינדרויסן פון די מדינה, אויב וועט דער מלך ארויפלייגן זיין זיגל אויף די סחורה, וועט דאך דאס ווערן כשר'ע סחורה. די זעלבע זאך, ווער עס דערקענט אויף זיך ווער ער איז, ער שאצט זיך אפ ריכטיג לויט ווי ער איז באמת, האט ער דאך דעם נאמען פון אייבערשטן אויף זיך, וואס דעם אייבערשטנ'ס זיגל איז אמת, איז ממילא ווערט ער כשר. און אזוי ווערט געברענגט בשם הבעש"ט הק' זי"ע: ווען א מענטש ווייסט וואס זיין חולי הנפש איז, ווי נאר ער ווייסט דאס איז ער עס ממתיק, און דאס איז זיין רפואה, משא"כ ווען ער ווייסט דאס נישט, עס איז א בחינה פון הסתר אסתיר אז ער ווייסט נישט אז ער איז קראנק ברוחניות, איז דעמאלטס ח"ו האט ער נישט קיין רפואה.

### סגולת כתיבת ספר תורה - לעשירות

**ועתה כתבו לכם את השירה הזאת.** הגה"ק ר' שמעון סופר זי"ע ברענגט בשם זיין טאטן הגה"ק בעל חתם סופר זי"ע: שרייבן א ספר תורה איז א סגולה פאר עשירות, א רמז דערצו ווייל די תורה זאגט: ועתה כתבו "לכם" את השירה הזאת, לכם מיינט להנאתכם אז דאס וועט זיין פאר אייער הנאה און עס וועט ברענגען עשירות.

(מכתב סופר)

### סגולת כתיבת ספר תורה - לאריכות ימים

די מצוה פון כתיבת ספר תורה איז א סגולה פאר אריכות ימים, וויבאלד ביי מצות כתיבת ספר תורה וואס דער מלך ישראל איז באפוילן געווארן צו שרייבן שטייט די ווערטער למען יאריך ימים.

(קב הישר)

### סגולת כתיבת ספר תורה - לאריכת ימים

**עס שטייט: מרבה תורה, מרבה חיים.** (מסכת אבות ב' ז') דאס קומט מרמז זיין אז, ווען איינער איז מרבה די תורה מיט שרייבן א ספר תורה, ווערט ער געבענטשט מיט אריכות ימים. (חידושי הרי"ם)

### סגולת כתיבת ספר תורה - לבנים

הרה"ק רבי יהודה לייב פסח פרימר זי"ע ראש שושלת ליפסק, האט אמאל געהייסן פאר א איד וואס האט נישט געהאט קיין קינדער אז ער זאל שרייבן א ספר תורה, פאר א סגולה צו געהאלפן ווערן, און ער האט אים געזאגט אז דאס זעהט מען אין די פסוק: ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה את בני ישראל, (פרשת וילך לא י"ט)- אז מען וועט שרייבן א ספר תורה, וועט זיין, ולמדה את בני ישראל - אז ער וועט האבן קינדער צו לערנען מיט זיי די תורה. און אזוי איז טאקע געווען אז דער איד איז יענע יאר געהאלפן געווארן מיט א בן זכר.

(אמרי שפר)

## אורו וישעו

**ענייני סגולות וישועות על הפרשה**
**מפי צדיקים הקדושים זי"ע**

### סגולת השומר פיו - לזיכרון

**כי לא תשכח מפי זרעו.** ווען א איד היט זיך אפ דאס מויל, איז זיכער אז ער וועט נישט פארגעסן דאס לערנען. א רמז: כי לא תשכח - די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן, "מפי" זרעו - ווען דאס מויל בלייבט ריין.

(שפת אמת)

## שבת תשובה

### סגולות תפילת של הבעל תשובה-לניסים.

חז"ל זאגן, אז א פלאץ ווי בעלי תשובה שטייען קען א צדיק גמור נישט שטיין. ((ברכות ל"ד:)זאגט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, דאס גייט ארויף אויף תפילה, דהיינו אז די בעלי תשובה קענען מער פועל'ן ווי צדיקים גמורים, וויבאלד א בעל תשובה האט א לב נשבר, גייט ער זיך נישט גרויס האלטן מיט וואס ער באקומט, גיבט אים דער אייבערשטער נאך אלעס וואס ער בעט אפילו ניסים ונפלאות..

### סגולות תשובה- לבני חיי ומזוני

בני חיי ומזוני איז דאך תלוי במזל, עס שטייט אין חז"ל אין מזל לישראל, און דער הייליגער רבי ר' בער זי"ע טייטשט דאס אויס אז ווער עס איז אין א בחינה פון אין, ער האלט זיך פאר גארנישט, דער קען ממשיך זיין די זאכן וואס זענען תלוי במזל וואס דאס איז בני חיי ומזוני. דער בעל תשובה וואס ער איז זייער נאנט צו די בחינה פון אין, ער האלט אז ער איז גאר נישט ווערט, ער קען גרינג ממשיך זיין בני חיי ומזוני.

און דאס אלעס איז מרמז אין די ווארט עמידה פון די מימרא במקום שבעלי תשובה "עומדין". בני איז מרומז אין עמידה, ווייל עס איז דאך ברא כרעא דאבוה. חיי איז א ענין פון עמידה, ווייל עמידה איז א לשון פון אויפהאלטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, ואנכי עמדתי בהר, וואס דארט איז דער טייטש אויפהאלטן, דאס מיינט זיך אויפהאלטן אסאך אויף דער וועלט מיט אריכות ימים ושנים. און מזוני איז אויך מרמז, ווייל חז"ל זאגן דאך ממונו של אדם מעמידין אותו על רגליו.

(דברי אמת)

### סגולת לתשובה.

דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע האט פאר זיין פטירה שטארק איינגעריסן צו ברענגען די גאולה שלימה, יום הקדוש בייפאכט וואס איז געווען עטליכע טעג פאר זיין פטירה, האט ער זיך געבעטן ביים אייבערשטן און געזאגט: רבוש"ע וואס פעלט דיר אז צוליב דעם ברענגסטו נישט די גאולה פאר אידישע קינדער? אויב פעלט דיר בעלי תשובה, בין איך מקבל אויף מיר צו תשובה טון פאר אלע אידישע קינדער!!

זאגט אויף דעם דער הייליגער רבי זי"ע: עס איז באוואוסט די סגולה צו דערמאנען דעם נאמען פונעם הייליגן קאזניצער מגיד מיט די נאמען פון זיין מאמע ישראל בן פערל, און פאר די אויבן דערמאנטע מעשה אליינס איז ראוי צו דערמאנען זיין נאמען ישראל בן פערל, כדי צו מעורר זיין אויבן די די כח התשובה וואס ער האט תשובה געטאן פאר אלע אידן, וואס דאס איז מסוגל צו מכפר זיין אונזערע עבירות און צו ממתיק זיין די דינים פון אונז.

### סגולה ליפטר מהרגלים הרעים

מען זאגט נאך בשם צדיקי פולין וצדיקי טשערנאביל זי"ע, אז ווער עס האט שווערע מידות, שווערע יצר הרע'ס, א מענטש פילט אז זיין חומר איז א חומר עב, און ער קען נישט זיך פאראויס רוקן בעבודת השי"ת, בתורה בהתמדה וביר"ש, בשמירת המצות ובשמירה מן החטא, זאל ער אנצינדן א ליכט, לע"נ הרה"ק ר' חיים דוד בן ישכר בער זצוק"ל, און געבן א פרוטה פאר צדקה, און לערנען א משנה בעיון לע"נ דער צדיק, און נאכדעם ארויסזאגן די בקשה און בעטן דעם אייבערשטן בפרטיות בזכות הרה"ק ר' חיים דוד בן ישכר בער זי"ע און ער זאל מפרט זיין קלאר זיין בקשה אז ער זאל זיך קענען שטארקן אויף זיין יצר הרע אין וואס ער איז געשלאגן דערין, און ער זאל באקומען א קלארקייט און ער זאל ווערן ריין.

און דאס איז א סגולה בדוק ומנוסה וואס מען זעהט בחוש אז עס העלפט, אבער דער וואס טוט דאס דארף מען דאס טון אן אויפהער מידי יום ביומו ביז מען זעט א שינוי, מען זאל צינדן איינמאל און נאכאמאל אפילו ביז הונדערט מאל, און נישט אויף געבן ביז מען זעהט די ישועה, ווייל דאס האט געהאלפן פאר יעדן איינעם וואס האט דאס געטון מיט א עקשנות ביזן זעהן די ישועה.

מען דארף געדענקען אז א זאך וואס איז מושרש אין א מענטש, א זאך וואס א מענטש איז געוואוינט צו טאן, נעמט זייער לאנג צו פטור ווערן דערפון עס קען נעמען יארן, דאס גייט נישט אין איין מינוט אז מען ווערט פטור פון שווערע הרגלים און שווערע זאכן, אבער מיט דעם סגולה זעהט מען א שינוי אסאך שנעלער, עס קען נעמען וואכן עס קען נעמען חדשים אבער עס ארבעט זייער שנעל בדוק ומנוסה.

דער רבי חיים דוד דאקטאר איז געווען א דאקטאר פון פריצים און ער האט תשובה געטאן און איז געווארן א גרויסער צדיק א בעל מדרגה.

(בשם הרה"ח ר' משה בוים ז"ל - משם צדיקי פולין, והרה"ח ר' שמעלקא פאמעראנץ ז"ל - בשם צדיקי טשערנאביל)

### סגולה לגמר חתימה טובה.

ווי אויך זאגט דער רבי זי"ע, אז אין דעם זכות פונעם הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע וועט מען זוכה זיין צו א גוט יאר, וויבאלד זיין יארצייט פאלט אויס אין די הייליגע טעג ערב סוכות, וועט נתעורר זיין זכות אז מען זאל זוכה זיין צו א גמר חתימה טובה אכיה"ר.

(עבודת עבודה שיח"ק חלק ג' עמ' תע"ה)

---

ביז מען דערקענט בכלל נישט קיין רויטקייט פון די בלוט (מטה אפרים סימן תר"ה ס"ח, אלף המגן ס"ק כ"ז).

### יב

### שאלה: וואס איז דער ענין וואס טייל מענטשן געבן געלט פארן שוחט?

אזוי ווי דער חיוב פון כיסוי הדם ליגט אויפן שוחט און נישט אויפן בעל העוף, דעריבער איז א קלער אין די פוסקים צי דער שוחט קען איבערגעבן די מצוה פאר א צווייטן (דרכ"ת יו"ד סימן כ"ח ס"ק ס"א).

דעריבער כדי יוצא זיין אלע ספיקות, זענען דא וואס פירן זיך צו געבן געלט פארן שוחט, וואס דורכדעם ווערט באטראכט אזוי ווי מען וואלט אליין מקיים געווען די מצוה פון שחיטה, וממילא באלאנגט אויך די מצוה פון כיסוי הדם פאר אים.

### יג

### שאלה: אויב נאכן שלאגן א כפרה זעהט מען אז עס איז טריפה, אדער עס איז געווארן נבילה בשעת שחיטה, דארף מען איבער שלאגן א אנדערע כפרה?

עס איז דא ווער עס שרייבט אז מען דארף איבערשלאגן מיט א אנדערע כפרה (תורת אביגדור),

**דעם קומענדיגן זונטאג ו' תשרי געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם שפאלער זיידע רבי אריה לייב ב"ר ברוך זי"ע.**

•

## ואלה מתולדותיו:

דער שפאלער זיידע איז געבוירן אין יאר תפ"ה לפ"ק. דער שפאלער זיידע איז געווען א תלמיד פונעם הייליגער פינחס'ל קאריצער זי"ע. ער האט געלעבט גאר שטארק באהאלטן, און נישט ארויסגעוויזן זיינע מדריגות און מופתים, דער שפאלער זיידע פלעגט שטענדיג ארומפארן אין די דערפלעך אויסלייזן מענטשן וועלכע זענען געווארן איינגעשפארט דורך די פריצים פאר'ן נישט באצאלן זייער ארענדע-געלטער, ער פלעגט ארומפארן צווישן די וואכע אידישע יונגן און זיי מקרב זיין לאבינו שבשמים דורך זיי מעורר זיין מיט דרשות און התחזקות.

אין יאר תקכ"א.. איז דער שפאלער זיידע אנגעקומען אינעם שטאט זלאטיפולא, דארטן האט ער אנגענומען דער פאסטן פון זיין שמש אין בית הכנסת, פון דאן האט ער זיך מער נישט געקענט אויסבאהאלטן, און צוביסלעך איז ער בארימט געווארן פאר א הייליגע מענטש, באקאנט אומעטום מיט זיינע מופתים און ערליכקייט, ווי הונדערטע טויזנטע זענען געקומען אפנעמען זיינע ברכות.

נאך אכט יאר זייענדיג אין זלאטיפולא, איז דער שפאלער זיידע אריבער קיין "שפאלא", און דארטן מער באקאנט געווארן.

דער שפאלער זיידע איז נפטר געווארן ו' תשרי תקע"ב, און איז געקומען לקבורה אינעם שטאט שפאלא. ע"פ צוואתו האט מען נישט געשריבן קיין נוסח מצבה אויף אים, נאר געשריבן יום פטירתו.

*

## כאשר יבוא המלך המשיח אעשה אותך לשר:

דער שפאלער זיידע איז געווען דער רבי פון אסאך אדמורי"ם, אסאך פון די דעמאלטסדיגע מנהיגים זענען געווען פון זיינע נאנטע תלמידים. אמאל איז געקומען א גרויסע צאל צדיקים אויף שבת צום שפאלער זיידע, און עס האט זיך געדוכט פאר'ן שפאלער זיידע אז ער האט געצינדן ליכט ערב שבת עטליכע מינוט שפעט, און דער שפאלער זיידע איז דערפון געווארן מורא'דיג פאר'דאגה'ט אז ער איז נכשל געווארן צו צינדן שפעט ליכט. דער שפאלער זיידע איז ארומגעגאנגען פרעגן זיינע תלמידים און די אנוועזנדע רבי'ס וואס זיי זאגן צו ס'איז געווען שפעט אדער נישט, האבן אלע געענטפערט כדי צו בארואיגן דעם שפאלער זיידע, אז עס איז נישט געווען שפעט, דארטן איז אויך געווען א צדיק מיט'ן נאמען הר"ר רפאל מברשיד זי"ע און ווען דער שפאלער זיידע האט אים געפרעגט צו ער האט געצינדן ליכט שפעט האט ער געענטפערט, רבי, ס'איז געווען עטליכע מינוט שפעט, אבער אז דער רבי טוט תשובה טוט דער גאנצער עולם אויך תשובה, דער שפאלער זיידע האט שטארק הנאה געהאט פונעם ענטפער, און ער האט געגעבן פאר ר' רפאל א קלאפ אין פלייצע, זאגנדיג, "ביסט גערעכט", און דער שפאלער זיידע האט אויסגעפירט, "ווען מלך המשיח וועט קומען וועל איך דיר מאכן פאר א שר"...

# באור הילולא ש.ג.

יודה"ל של צדיקים שחל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי אריה לייב משפאלע זי"ע

## די אסיפה אויבן אין הימל מיט'ן שפאלער זיידע:

דער הייליגער חוזה פון לובלין האט אמאל געהערט ווי זיינע תלמידים רעדן פונעם שפאלער זיידע, האט ער זיך אנגערופן צו זיי, פון אים רעדט איר? איך וועל אייך דערציילן ווער דער שפאלער זיידע איז.

## דער חוזה פון לובלין האט אנגעהויבן דערציילן ווי פאלגענד:

אמאל האבן זיך פארזאמעלט אלע צדיקים אויף א אסיפה אויבן אין הימל, איך בין אויך דארטן געווען, אלע צדיקים האבן געווארט אז דער שפאלער זיידע זאל אנקומען, מען האט געשיקט א שליח צום שפאלער זיידע אים צו מודיע זיין אז מ'ווארט אויף אים, אבער דער של"ה איז צוריקגעקומען זאגן אז ער האלט אינמיטן דאווענען. אזוי איז אריבער נאך א ווײלע און דער שפאלער זיידע איז נאך אלס נישטא, האט מען ווידער געשיקט א שליח צום שפאלער זיידע, און דער שליח איז צוריקגעקומען זאגן אז ער האלט אינמיטן פארטיילן צדקה פאר עניים אזוי ווי זיין שטייגער איז געווען. נאך א לאנגע ווײלע איז מען ענדליך געקומען זאגן אז דער שפאלער זיידע קומט, דערציילט דער חוזה וויטער, תיכף איז מיר באפאלן א אימה ופחד אז איך בין אראפגעפארן פון מיין פלאץ, ביז יעצט ווייס איך נישט וואס עס איז געבליבן מיט יענע אסיפה, - האט דער חוזה אויסגעפירט - רעדט איר דא מיט מיר פון דעם שפאלער זיידע?!

## ריקודין בשבת:

א ספעציעלע הויכע מאמענט איז געווען ביים שפאלער זיידע, די ריקודין שבת קודש וואס האט פארגעקומען א ארט ביי די חסידים צו מיטהאלטן אט די דערהויבענע עבודה הנלהבה, עס איז צוגעגאנגען מיט א אש קודש למעלה מהשגתינו, מיט ספעציעלע הויכע כוונות ומדריגות קדושות.

איבער דעם מנהג פונעם שפאלער זיידע פון די ריקודין עלאין ביום השבת, האט דער הייליגער רבי אברהם המלאך זי"ע געזאגט, "דאס וואס איך קען פועלן מיט מיין כח התפילה, קען דער שפאלער זיידע פועל'ן מיט די ריקודין שבת". ווי באקאנט האט רבי אברהם המלאך געהאט א אויסטערלישן עבודה ביים דאווענען, וואס ווייזט די גרויסקייט פון אט די דאזיגע ריקודין.

## את אשר אאר יאר:

דער שפאלער זיידע פלעגט שטענדיג טיילן צדקה פאר ארימע לייט, און ווי אויך פלעגט ער שטענדיג קלייבן נדבות ביי עשירים צו קענען פארטיילן פאר נצרכים, אמאל איז דער שפאלער זיידע געגאנגען פאר צדקה פאר קמחא דפסחא, אנקומענדיג צו א געוויסע הויז פון א גביר, האט דער גביר געוויסט אז דער שפאלער זיידע איז בכח ארויסצונעמען פון אים א גרויסע סכום געלט האט ער באשלאסן אז ער וועט זיך באהאלטן אונטער'ן טיר, אזוי וועט ער זיך פטר'ן פון געבן געלט, דער שפאלער זיידע האט מיט זיין רוח הקודש געזעהן ווי דער גביר באהאלט זיך, און ער האט אריינגעקלאפט, און אריינגעזאגט צום גביר, "דו שטייסט אונטער'ן טיר, זאל דיין פרנסה אייביג זיין צו שטיין ווי א ארימאן ביים טיר", אזוי איז טאקע ליידער געשען, נאך א קורצע צייט איז דער גביר געווארן א ביטערע ארימאן, און געדארפט גיין ביי הייזער צו קלייבן נדבות ר"ל.

## אמרותיו הקדושים:

איך שווער ביי מיין בארד און פיאות, אז דורכ'ן געבן תוכחות פאר אידישע קינדער, וועלן די אידישע קינדער נישט תשובה טון, וואס האסטו פון זיי געבן אומזינסטע יסורים, דער באשעפער זאל געבן פאר די אידן אלעס גוטס אזוי וועלן זיי תשובה טון...

*

זאל השי"ת אונז שיקן א זיס לעבטיג פריילעך יאר מיט אלע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות.

**זכותו הגדולה והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.**

---

עס איז דא ווער עס האלט אז די צווייטע כפרה קען זיין מיט געלט (מרא דשמעתתא סימן ר"פ ר"א, מועדים וזמנים ח"א י' נ"ב בהגה"ה).

רוב פוסקים האלטן אז מען דארף בכלל נישט איבערשלאגן, וויבאלד דער עיקר פון די כפרה איז אז מען האט געשחט'ן די הינדל, און מיט דעם קומט מען אפ די אלע שלעכטס וואס האט געדארפט קומען אויפן מענטש, און דאס קען זיין אפילו די הינדל איז טריפה (סידור שער התפלה שער הכולל, שו"ת כנף רננה סימן נ"ט, אשל אברהם, בוטשאטש, מערכת יו"כ סי' א' אות י"ג), און אזוי פירט מען זיך (קצה המטה ס"ק י"ב).

אבער אויב עס איז געווארן נבילה בשעת'ן שעכט'ן, אדער די הינדל איז געשטארבן נאכן שלאגן כפרות פארן שעכט'ן, דארף מען יא איבער שלאגן א אנדערע כפרה (שער הכולל פרק מ"ד אות ב', אלף המגן ס"ק י').

עס איז אינטערסאנט אראפצוברענגען אז הרה"ק מהר"א מבעלז זצ"ל פלעגט אנגרייטן צוויי הינדלעך, אז אין פאל די ערשטע כפרה וועט נישט זיין כשר, זאל ער קענען איבער שלאגן מיט די צווייטע, און הערשט נאכדעם וואס מען האט געעפנט דעם עוף צו זאלצן, און מען האט געזעהן אז עס האט נישט קיין שאלה פון כשרות, האט ער געשיקט די צווייטע הינדל פאר א ארימאן (ביתו נאוה קודש אלול תשרי עמוד ק"ע קע"א).

### יד

### שאלה: קען מען קויפן כפרות מיט מעשר געלט ?

מען זאל נישט באצאלן כפרות מיט מעות מעשר, אזוי אויך ווער עס האט נישט קיין הינער צו שלאגן מיט זיי כפרות, און וויל שלאגן מיט געלט, זאל נישט שלאגן מיט מעשר געלט, אפילו ווען מען וויל געבן דאס געלט פאר ארימעלייט.

איינער וואס עס איז אים שווער צו קויפן פאר יעדן פון די משפחה א עקסטערע כפרה, זאל קויפן כאטש איין כפרה פאר זיך, פון זיין אייגן געלט, און פאר די אנדערע בני בית קען ער קויפן פון מעות מעשר.

# גליון באור החיים

יו"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
- גליון פנימי -

יום הקדוש
תשפ"א לפ"ק

## באור פני מלך

ליקוט מדברות קודש אשר זכינו לשמוע מאת
**כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע**

### ערב יום כיפור

ענין מה שצונו הקב"ה לאכול בערב יום הכיפורים, יבואר בהקדם מה שאמר הכתוב (ויקרא טו ל), כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו, וקשה כפל הלשון, מה שחזר הכתוב ואמר לפני ה' תטהרו. ופירשו המפרשים, שהכתוב בא להורות לנו בזה, כי לפני שה' מטהר אותנו ביום הכיפורים, עלינו להיטהר מעצמינו, שנשוב אל ה' מעומק הלב, ואז יטהר אותנו הקב"ה ביוהכ"פ מכל חטאתינו, כמו שאמרו חז"ל (יומא פה:) יוהכ"פ אינו מכפר אלא עם התשובה.

### עבודת האדם בעוה"ז ...

נמצא כי זהו עבודת האדם בערב יוהכ"פ, לפני ה' תטהרו, לטהר את מעשיו לפני בוא יום הגדול והקדוש. וטהרה פירושה, הן ליטהר מעבירות שבידו, והן לטהר את עניני הרשות שעוסק בהם, דהיינו שגם מה שמותר לו לאכול, לדבר, לישון, יעשה בטהרה גדולה, לשם ה', לא לשם חומר הגוף. וכלשון שאמרו חז"ל (חולין ס:) שרגא בטיהרא מאי אהני, שפירוש טיהרא הוא לשון אור, וכלשון הנאמר בזוה"ק (ח"א רנא.) טהירו עילאה, שפירושו אור עליון. וזהו ענין טהרה ששייך לגבי עניני רשות, שלא יעסוק בהם בבחינת חושך, דהיינו לשם חומר הגוף, אלא ימשיך בהם אור ה', ויעסוק בהם לשם ה'. ובאמת עיקר לשון טהרה נאמר על ענין זה, על הטהרה שבעניני רשות, כי על טהרה מעוונות מצינו יותר לשון כפרה וסליחה, נמצא כי עיקר כוונת הכתוב, לפני ה' תטהרו, היינו להאיר אור עליון וטהירו עילאה בעניני רשות.

### ע"י האכילה בעיוה"כ מקיים העבודה דלפני ה' תטהרו

וכיון שזהו עיקר ההכנה ליום הקדוש, נתן לנו הקב"ה ביום הזה מצות אכילה, שהיא אכילת קדושה מאוד, יותר מכל שאר אכילות של מצוה, כי אכילה זו, מלבד מה שהיא מצוה, היא גם נחשבת כתענית, כמו שאמרו חז"ל (יומא פא:) שהכתוב מעלה עליו כאילו התענה תשיעי ועשירי. וממילא מאיר באכילה זו, אור עליון וטהירו עילאה באופן נשגב מאוד. והיא האכילה היותר מעולה לקיים בה את הכתוב לפני ה' תטהרו, דהיינו להמשיך טהירו עילאה בעסקי הגוף, לפני בוא יום הקדוש. ובזכות זה יקיים בנו הקב"ה רישא דקרא, כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאותיכם.

### יוה"כ הוא בחינת עולם הבא ממש

וכן יום הכיפורים, הוא בחינת הנשמה לכל ימות השנה, כמו שכתב בספר הק' מאור עינים (פ' האזינו), כי ראש השנה היא בחינת ראש של קומת השנה, ויום הכיפורים היא בחינת נשמה וחיות של כל השנה, שכל הימים שואבים חיותם מיום זה. ואף השבתות של כל ימות השנה, מקבלים חיותן מיוהכ"פ, ולכן נקרא יוהכ"פ (ויקרא טז לא) שבת שבתון.

והשבת היא מעין עולם הבא, ויוה"כ היא בחינת עולם הבא ממש, שאין בו אכילה ושתיה. והקב"ה נתן לנו אחת בשנה, יום כזה שהוא כל כולו נשמה, ואין בו שייכות אל הגוף, כדי שתהיה יום הזה בחינת נשמה לכל ימות השנה.

### החיות שהאדם ניזון ממנה ביוה"כ הוא מאכילה רוחניות

ועתה אם היה האדם מתקיים וניזון ביוהכ"פ, מן אכילה גופנית שאכל בערב היום, הרי לא היה כל כולו נשמה, שהרי היה מקבל חיות גופנית, לכן נתן לנו הקב"ה מצוה לאכול ולשתות בערב יוהכ"פ, כדי שתהא אכילה זו אכילה רוחנית, ולא רק אכילה של מצוה, אלא אכילה שנחשבת כתענית (יומא פא:), ומעתה גם החיות אשר האדם ניזון ממנה ביוהכ"פ, אינה מאכילה גופנית, אלא מאכילה של תענית, ומאחר שמדם וחלב זה יש לאדם חיות ביום הכיפורים, הרי הוא כל כולו נשמה. וכל זה עשה לנו הקב"ה מרוב חסדו ואהבתו אלינו, שרצה שנעמוד ביום הקדוש במצב כזה, שנהיה מובדלים ומופרשים מכל עניני הגוף, כדי שמתוך כך נוכל להתייחד עמו, להתפייס אתו, זיך דורכרעדן מיט אים, לשוב על כל חטאתינו.

### תענית של שלשה ימים רצופים

והמגיד הק' ממעזריטש זי"ע הפליג מאוד בקדושת האכילה שביום הזה, ואמר שנחשב כתענית של שני ימים, כי חז"ל אמרו בלשונם (יומא שם) שהכתוב מעלה עליו כאילו התענה 'תשיעי ועשירי', ולכאורה הי"ל כאילו התענה תשיעי, כי הלא בעשירי מתענה בפועל, ולכן פירש הוא הק', כי כוונת חז"ל, דהאכילה שביום הזה גופא, נחשבת כאילו התענה שני ימים, ויחד עם התענית של יוה"כ, נחשבת כשלשה תעניות רצופים, שזה תיקון גדול מאוד. כן מביא תלמידו הרה"ק רבי אברהם חיים מזלאטשוב זי"ע, בספרו הק' 'אורח לחיים' (פ' אמור), שהוא שמע כן מפ"ק של רבו המגיד.

### עלינו לשמוח בכל רגע של קדושת היום

ואחר אכילה רוחנית כזו, אין תימה על מה שאנו נחשבים ביום זה כמלאכים ממש. ובכל זאת, עם כל הענינים הנשגבים האלה, ישנם אנשים קטני הדעת, שבמקום שיש להם לשמוח בכל רגע של קדושת היום, שזוכים לעמוד לפני ה' כמלאך, הם ניגשם אל עבודת היום בלי חשק, ובמשך היום מצפים לעת ינצטו צללי ערב. היש טפשות גדולה יותר מזו, אשר בזמן שהקב"ה מקרב את האדם אליו, ומעמידו כמלאך אלהים, כדי שיתכפר ויטהר לפניו, בעת כזת ימתין להתרחק ממנו ולרוץ מפניו.

### בכל שנה עומדת לנו זכות המדות הק'

וכמו שאז פעל משה בתפלה זו, והקב"ה נענה לו בזכות הצדיקים הללו, וביום הכיפורים נתרצה לו הקב"ה ברצון שלם, כן בכל שנה ביוהכ"פ, עומדת לנו זכות האבות הק' עם כל שבעת הרועים, שנזכה למחילה סליחה וכפרה. ויקוים בנו מה שאנו אומרים בכל תפלות היום, שמך מעולם עובר על פשע, שועתנו תאזין בעמדנו לפניך בתפלה, תעבור על פשע לעם שבי פשע, תמחה פשעינו מנגד עיניך, יהיו לרצון אמרי פינו והגיון לבנו לפניך ה' צורנו וגואלנו, אכי"ר.

### יוה"כ מאיר מיו"כ זה עד יו"כ הבעל"ט

וכן כל עבודת יום הכיפורים, באה להאיר לכל ימות השנה, וכמו שכתבו בספרים הק' (מאו"ע האזינו), כי כמו שהנשמה מחיה את כל אברי הגוף, כן יום הכיפורים מחיה את קומת כל השנה, וכל הימים שואבים חיותם ממנו. וכן אנו אומרים בנוסח כל נדרי 'מיום כיפורים זה עד יום כיפורים הבעל"ט', שמלבד הכוונה הפשוטה שבו, כוונתינו בזה גם לכל עבודת היום, כי בהיכנסנו אל עבודת היום, באנו לגלות, כי כל עבודתנו ביום הזה, באה להאיר מיום כיפורים זה עד יום כיפורים הבעל"ט.

### ביוה"כ מתקיים חלוקה של שפע בפרטיות

וכתבו המקובלים, כי בראש השנה הקב"ה כותב ליתן שפע לישראל בכלליות, וזה ענין הכתיבה, וביוה"כ מתחלק השפע לכל אחד ואחד בפרטות, וזהו ענין החתימה, דהיינו התחלקות השפע לכל אחד כפי מה שראוי לקבל. לכן יהי רצון, שיתחלק לנו שפע רב, שפע קדוש, מיום הזה לכל השנה כולה, ובכל השנה נזכה ליהנות וליזון מן השפע והאור אשר נקבל ביום הכיפורים, אכי"ר.

### ביוה"כ הקבלה מוסר בידינו הכח לגזור שנזכה לסליחה

בכל ימי הסליחות, אנו מזכירים את הכתוב (במדבר יד כ) ויאמר ה' סלחתי כדברך. ובכניסת ליל יום הקדוש, אנו חוזרים ושונים את הכתוב הזה שלש פעמים, בהתעוררות רבה, כדי לעורר בזה רחמיו יתברך, שכמו שבימים ההם הבטיח למשה לסלוח לישראל, כן יקיים גם לנו כהיום הזה.

לכן ראוי להזכיר בעת הזאת, את דברי קדשו של הרה"ק מבארדיטשוב זי"ע, מה שפירש בפסוק זה בפרשת שלח (קדו"ל ד"ה ויאמר), על מה שפרש"י הק' שם, סלחתי כדברך, בשביל מה שאמרת פן יאמרו מבלתי יכולת ה'. ודקדק, הלא ביד הקב"ה להטות כל מחשבות בני אדם לאשר יחפוץ, אם כן הלא ביכלתו להטוח מחשבות האומות שלא יעלה על לבם לומר מבלתי יכולת ה', וממילא לא יתחלל שם השם. ומתרץ,

# כי קדוש היום

ש.ג.

## גדולת, מעלות, קדושת היום של יוה"ק

**- קדושת כל רגע ורגע -**

כל שעה ורגע מיום הקדוש והנורא הזה, הוא כולל כמה ימים מימי השנה, שהוא הכללות מכל השנה כולה.

(באר משה)

**- יש בו כח ככל השנה -**

יום כיפור מכפר על כל השנה ובוודאי יש בו כח כמו שבכל השנה אע"כ..הכפרי"ם בגי' שנ"ה כי כן הוא כתיב בתור' חסר ו'.

(נופת צופים)

**- שמחה ביום הקדוש -**

הבכיה שבוכין בימים נוראים בפרט ביו"כ צריכין ליזהר שלא תהיה מחמת עצבות ח"ו וכו' רק שתהיה הבכיה מתוך שמחה.

(דברי שמואל)

**- חסדים טובים והשפעות טובות -**

על ידי פלות בני ישראל, והרהורי תשובה המתנוצצים על ידי נשברי לב מבני ישראל, העומדים כל היום בתפלה ובקשה, הנה הם מעוררים למעלה חסדים רבים והשפעות טובות אין לשער ואין להעריך.

(תפארת שלמה)

**- נשמה וחיות מכל השנה -**

יום הכיפורים הוא בחינת נשמה וחיות של כל השנה.

(מאור עינים)

**- גודל האבה והחיבה ביוכ"פ לפני ה' -**

רמז בכתוב (ויקרא טז, ל) כי ביום הזה יכפר עליכם וגו' לפני ה' תטהרו. כי ביום הכיפורים מגיעים שורש נשמות ישראל לבחינה זו, שמגביהים כביכול למעלה מראשו, ואז נקרא לפני ה' לפניו ממש כביכול, ואז ודאי תטהרו מאחר שנתעורר אהבה וחיבה כזו ודאי יכפר עליכם, וזה רמז אומרים (שמות רכה, נ"ב) לא זו מחרבה עד שקרא אותה אמו, כי בחינת האם היא למעלה מהבן וזה אמר בעטרה שעטרה לו אמו, כי זו היא בחינת עטרה שהקב"ה מתעטר בישראל ועושה אותם עטרה לראשו.

והוא כבחינת (ישעיה מט, ג) ישראל אשר בך אתפאר, שלפעמים עולים נשמות ישראל למעלה למעלה כל כך, עד שנעשים כתר ועטרה לראש חי העולמים ברוך הוא, והוא מתעטר ומתפאר בהם לרוב האהבה והחיבה, כדמיון האב שמניף את בנו החביב עליו ומושיבו על ראשו ממש.

והוא בחינת לפני ה' תטהרו הנאמר ביום הכיפורים, כי שם עולים נשמות ישראל, ואז לגודל האבה והחיבה נמחל ונסלח לכל עוונות בני ישראל ומעביר אשמותיהם. ועל כן ניתנו אז הלוחות השניות כי שם מקום החירות והיובל ונעשה חירות מיצר הרע וכו', ויפלל ישראל להמשיך משם גם על כל השנה שיוכלו לעבוד את ה'.

(באר מים חיים)

**בברכת גמר חתימה טובה לנו ולכל ישראל**

---

כי דיבורו של צדיק עושה רושם למעלה ולמטה, כמאמר הכתוב (איוב כב כח) ותגזר אומר ויקם לך, וכיון שאמר משה בתפלתו ששם שמים יתחלל אם יעשה כלה בישראל, בוודאי כך יהיה, וזהו שפרש"י, 'בשביל מה שאמרת' פן יאמרו, דכיון שאתה אמרת שיאמרו, בוודאי יאמרו האומות כך, ולכן אין לי עצה כי אם לסלוח להם, עכדה"ק.

דבריו הק' הללו יקרים מאוד, ואפשר ללמוד מזה גודל אהבת הקב"ה לבני ישראל, כי גם בעת שמדקדק עמהם, ודן אותם על מעשיהם, מסר הכח בידם, שכאשר הם גוזרים שיסלח להם, מקיים את דבריהם, על דרך ותגזר אומר ויקם לך. ולכוונה זו אנו מזכירים פסוק זה בימים אלו, כי כמו שבעת ההיא אמר הקב"ה למשה סלחתי 'כדברך' דייקא, בשביל שאתה אמרת, כן הוא אומר לבני ישראל בכל שנה ושנה, שמוסר בידינו הכח, שכאשר נגזר כן יקום, והוא יתברך עומד וממתין שנדבר ונתחנן אליו, ונתרצה ונתפייס אתו, ובידינו הדבר תלוי, שעל ידי דיבורינו ותפלותינו נזכה לסליחה וכפרה.

**יתלבש במצוות טרם שיכנס לעבודת היום**

ויש לבאר, מה שהזכיר הרה"ק את הפסוק הזה, בהיכנסו לעבודת היום. כי פסוק זה אמר יעאע"ה כאשר הגיע אל מקום המקדש, כן כאשר אנחנו ניגשים לעבודת יום הכיפורים, הרי זה כמו שניגשים לעבוד עבודה בבית המקדש. וכמו בטרם נכנס הכהן לעבודה, הוצרך ללבוש הבגדים המיוחדים לזה, כן טרם אנו ניגשים לעבודת יום קדוש זה, עלינו ללבוש בגדים המיוחדים לזה, והיינו המצות ומעשים טובים, שהם לבושים אל הנפש (ע"ח שער מג פ"ג).

ובלבושים אלו עלינו ליכנס ביום הקדוש אל בית אלהים, היינו בזה שנקבל עלינו לקיים מעתה כל המצות כהלכתן, שלא לעבור על שום דקדוק קל של מצוה דאורייתא או דרבנן, ובזה תתקבל עבודתנו לרצון ביום הק' הזה.

אין זה - אין אנו מתפללים כי אם על הגאולה שלימה

ולכן יום זה מסוגל מאוד לקרב את בנין בית השלישי, ועל זאת צריכה להיות עיקר תפלותינו ביום הזה, שעל ידי התשובה, ועל ידי הטהרה אשר הקב"ה מטהר אותנו, נזכה אל התיקון השלם, שיתגלה כבוד מלכותו בעולם, בביאת בן דוד במהרה. ולכוונה זו צעק הרה"ק בתחלת היום, מה נורא המקום הזה, לעורר את לבב העם, שזאת היא תכלית עבודת היום, שנזכה לראות בבנין בית המקדש השלישי.

וכמו שיעקב אבינו לא אמר בניחותא 'זה בית אלהים', אלא אמר בלשון שלילה 'אין זה כי אם בית אלהים', שאין שום תכלית אחרת במקום קדוש זה, אלא לבוא אל בנין המקדש השלישי. כן יש לומר על היום הקדוש הזה, שאין תכלית אחרת בעבודת היום, כי אם זאת, לבוא אל בנין המקדש, נישטא קיין אנדער ציל, נאר וועגן דעם, צו פועל'ן די גאולה שלימה.

**בכל שנה מתעורר רצון העליון לבנין ביהמ"ק**

וכמו בדור המדבר, נצטוו בני ישראל על הקמת המשכן ממחרת יוהכ"פ (רש"י דברים י א), שאז נאמר להם ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, דכיון שנתרצה להם הקב"ה ביוה"כ ברצון שלם, וקיבלו את הלוחות השניות, קיבלו עליהם אז את עול התורה מחדש, ובזה גרמו לעורר את רצון העליון לבנות להם משכן ה'.

כן בכל שנה ושנה, כאשר הקב"ה מרצה לבני ישראל ביוהכ"פ, מתעורר רצון העליון לבנות להם בית המקדש השלישי, אלא שתלוי היאך אנו מקבלים עלינו את עול התורה, שאם מקבלים את התורה ברצון, כמו שקיבלו אז את הלוחות השניות, פועלים בזה שיצא לפועל רצון העליון, לבנות לנו בית המקדש השלישי במהרה דידן, אכי"ר.

**ע"י הטהרה מתגלה כח הנפש מקור השמחה**

נמצא כי השמחה אמיתית בלבו של אדם, באה מכח כפרת העוונות, כי על ידי כפרת העוונות, מתבטל המסך המבדיל בין האדם אל קונו, ועומד קרוב אל המלך, וממילא מרגיש שמחה וחדוה רבה בפנשו, כמו שכתוב (דבה"י א טז) עוז וחדוה במקומו. גם כי על ידי הטהרה מן העוונות נכנע כח הגוף, ומתגלה כח הנפש, והנפש היא מקור השמחה, כמו שכתוב (תהלים פט ד) שמח נפש עבדך, כלומר, 'שמח' את 'עבדך', על ידי התגלות 'הנפש', שהיא מקור השמחה, היפך מכח החומר שהוא מקור העצבות.

**אין לך יו"ט כזו שנמחלו העוונות**

וזהו ענין השמחה של מוצאי יוה"כ, שחז"ל קראוהו בשם יום טוב, ואמרו (יומא ע.) ויום טוב היה עושה לאוהביו בצאתו בשלום מן הקודש, ואמרו במדרש (קה"ר ט ז) כי במוצאי יוהכ"פ בת קול יוצאת ואומרת, לך אכול בשמחה לחמך וגו' כי כבר רצה האלהים את מעשיך. כי אין לך יום טוב ושמחה יותר גדולה, מזה שבני ישראל זוכים לטהרה מן העוונות. וזהו ענין השמחה של ימי חג הסוכות, שהכתוב מפליג במדת השמחה שבו יותר מבכל המועדים, שנאמר בו שלש פעמים לשון שמחה (דברים טז), ונקרא זמן שמחתנו, כל זה היא מחמת כפרת העוונות של יום הכיפורים, שאין לך דרגא יותר גדולה בשמחה, משמחה זו.

**בלי כפרת העוונות ביו"כ לא היה אפשר לשמוח בסוכות**

ויש שכתבו, כי לפי זה היה ראוי לחוג את חג הסוכות מיד אחר יום הכיפורים, שאז מתגלה כח שמחה זו. אך כי באמת ישנם עוד עניני שמחה בחג, שמחת החג גופא, כמו שכתוב ושמחת בחגך, ושמחת בית השואבה. והשמחה של מוצאי יוה"כ, אינה אלא הכנה לכל עניני השמחה של החג, כי בלי כפרת העוונות שביוה"כ, לא היה אפשר לשמוח בשמחת החג, לכך קבעה התורה ארבעה ימים להפסיק בין יוה"כ לסוכות, שלא לערב שמחה בשמחה. וכדעה זו נקט הפייטן, בפיוט ליום שני של סוכות, שנאמר שם 'כארבעת יום שת גבול שיחה, לבל לערב שמחה בשמחה'.

יהי רצון שנזכה לשמוח בשמחת החג הבעל"ט, שמחה אמיתית, ולשאוב מזה חיות ושמחה לכל השנה כולה, ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה, אכי"ר.



# דברות קודש

אשר השמיע

## כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

### לבחורי חבורת "עבודת עבודה" וויליאמסבורג

### ג' פר' כי תבא תשפ"א בבית מדרשינו תפארת משולם וויליאמסבורג

טייערע בחורים, איך האב א זכות צו רעדן פאר ענק, מען האט זיך זייער לאנג נישט געזען, דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז מען קען זיך טרעפן, מען קען רעדן פון הייליגע צדיקים איז דאס משפיע, ווי צדיקים האבן געטייטשט אויף אמונה, האמנתי כי אדבר, איז אז מען רעדט פון א צדיק ברענגט עס צו אמונה, הללו עבדי ה' הללו את שם ה'.

דער הייליגער רבי רבינו הקדוש זי"ע, ווי אזוי זיין עבודת הקודש איז געווען, ספעציעל אין די הייליגע טעג קען מען זיך משער זיין. מען שטייט דאך פאר די הייליגע טעג, ס'איז יעצט דער זמן ווען אידישע קינדער בעטן דעם אייבערשטן, תפילה לעני כי יעטוף, אזוי ווי אן ארימאן קען בעטן, כעני בפתח, אזוי קען יעדער בעטן ביים בוכ"ע.

מען הייבט דאך שוין אן די תפילות פון די הייליגע טעג, מען זאגט שוין באלד סליחות, דארף מען וויסן וואס רבינו הקדוש האט אונז געלערנט, ער האט אונז געלערנט אז די ערשטע זאך וואס א איד איז, דאס איז ראשית חכמה יראת ה', פאר מען לערנט תורה דארף זיין יראת שמים.

ס'איז דא א וועג ווי אזוי אידישע קינדער קענען צוקומען צו יראת שמים, די תורה הק' זאגט ולדבקה בו, זאגן חז"ל, ווי קען מען זיך מדבק זיין אין הייליגן באשעפער, והלא אש אוכלה הוא, דער אייבערשטער איז דאך א שטיק פייער, ווי קען מען זיך מדבק זיין אין אש, אלא מאי, הדבק לתלמידי חכמים ולתלמידיהם כאילו נדבק בו ברוך הוא, אז מ'איז זיך מדבק צום הייליגן צדיק, וואס דער צדיק איז זיך מדבק צום הייליגן באשעפער.

אונז האמיר געהאט אזא הייליגע צדיק, זיין עבודה איז געווען צום אייבערשטן אויסערגעווענליך, נאר פאר'ן אייבערשטן, מיט'ן גאנצן הארץ האט ער זיך אוועקגעגעבן צום אייבערשטן, ער האט מתפלל געווען, געבעטן פאר כלל ישראל בחייו, יעצט איז דאך גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהם, קען ער אוודאי בעטן, וואס דען. אונז דארף מיר טון א אתערותא דלתתא, אונז דארף מיר מאכן א קליינינקייט, פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם, אזוי האט דער אייבערשטער געזאגט. דער צדיק טוט דאך אודאי פאר אונז משפיע זיין.

כ'האב געזאגט פאריגע וואך פאר די בחורים, שטייט דאך כי תצא למלחמה על אויביך, מען רעדט פון די מלחמה קעגן דעם יצר הרע, - אונז קען מיר נאך זאגן פון פאריגע וואך ביז מיטוואך, מיטוואך איז שוין די קומענדיגע וואך, אבער מען קען אלעמאל זאגן, די תורה איז אלעמאל גוט ווען מען זאגט -, ונתנו ה' אלקיך בידך, דו גייסט ארויס אין א מלחמה און דו ווילסט ונתנו ה' אלקיך דער אייבערשטער זאל דיר געבן, בידך, דעם שונא, די יצר הרע, דו ווילסט אים בייקומען, ושבית שביו, זאלסטו וויסן, זאלסט פאנגען דעם שביו, וואס הייסט שביו, שביו באטרעפט 318, שי"ח איז אויך 318, דאס איז דאס דאווענען, אין שיחה אלא תפילה, מ'זאל ניצן דאס מויל נאר צו דאווענען, לערנען, וואס דאס מויל רעדט, זאל זיין מיט'ן לערנען, מיט'ן דאווענען, דאס איז די איינציגסטע זאך ווי אזוי מען קען שולט זיין אויפ'ן יצר הרע, אזוי קען מען בסייעתא דשמיא זוכה זיין, אים פאנגען און מען קען אים אוועקווארפן.

יעצט די צייט, ווען אידישע קינדער גרייטן זיך צו די הייליגע טעג, דער עיקר איז בעטן דעם אייבערשטן, ס'קומט א נייע זמן, מען האט שוין געענדיגט דעם זמן, מען גייט עס ענדיגן, מען גייט אריין אין א נייעם זמן א נייע יאהר הבא לקראתינו לשלום, דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל האבן סייעתא דשמיא.

ס'ווערט געברענגט פון הייליגן ר' פנחס'ל קאריצער זי"ע, זיין פאטער האט געהייסן ר' אברהם אבא, ער איז געווען א ערליכער איד, א נהנה מיגיע כפו, א בעל פרנסה. איינמאל אינדערפרי איז געקומען צו אים א גוי מיט א מתכות, א שטיקל אייזן, ער האט אים געבעטן צי ער וויל עס אפקויפן. ר' אברהם אבא האט געזאגט אז ער קען נישט יעצט, פאר'ן דאווענען טוט ער גארנישט, ער זאל קומען אין א צוויי דריי שעה ארום. דער גוי איז ארויס אויפ'ן יריד ער האט עס פארקויפט פאר א צווייטן. דער צווייטער איז געווארן זייער רייך. מען האט געהערט אז ער איז רייך געווארן, וואס איז געווען, ער האט געמאכט א גוטן מסחר; ס'איז געקומען צו אים א גוי און ער האט געמיינט ס'איז אייזן, ער האט עס פארקויפט, דערווייל איז עס געווען גאלד.

ס'איז געווארן א געוואלדיגע רעש אין הימל, ר' פנחס'ל קאריצער'ס פאטער, א נהנה מיגיע כפו, ער וויל נישט רעדן פאר'ן דאווענען, דיבור אחד קודם התפילה דוחה היראה בשתי ידים, אזוי שטייט פון הייליגן ר' מענדעלע מרימינוב זי"ע און פאר דעם זאל ער שאדן האבן, האט מען גע'פסק'נט אז מען וועט אים אויך געבן ער זאל נישט קיין שאדן האבן. מען האט געגעבן א ריכטיגע שטיק גאלד, דאס איז געווען די נשמה פון הייליגן ר' פנחס'ל קאריצער זי"ע, ער האט באקומען אזא קינד דער הייליגער ר' פנחס קאריצער וועלכע האט באלויכטן די וועלט, ס'איז געווען אסאך מער שמחה ווי די געלט. ר' אברהם אבא איז געגאנגען צום אייבערשטן מתפלל זיין, ער האט געבעטן פונעם אייבערשטן האט ער באקומען.

קינדערלעך, מען גייט דאווענען די הייליגע טעג, מען לערנט ב"ה א גאנצע צייט פלייסיג, מען גייט דאווענען, מען זאל וויסן, מען וועט דאווענען מיט הארץ צום אייבערשטן, מ'זאל וויסן אין לנו מלך אלא אתה, אונז האמיר נאר א באשעפער, נאר דו ביסט אונזער מלך, נאר צו דיר קען מען דאווענען, ואין אלו-ה מבלעדיך.

ס'ווערט געברענגט, ס'איז געווען א דארפיש קינד, ס'איז געקומען ראש השנה אינדערפרי האט ער געזען ווי אזוי מען גייט אין שול אריין, א דארפיש קינד אמאליגע צייטן האט מען געלעבט אפגעזונדערט, מען האט נישט יעדער געוויסט וועגן די אלע זאכן. זיין טאטע איז געווען א דארפיש קינד, האט ער נישט געוויסט. און ער זעט מען גייט דאווענען, פרעגט ער: "טאטי, וואס גייט מען", זאגט ער: "ס'איז ראש השנה און מען גייט דאווענען". "אה, וואס הייסט דאווענען?" זאגט ער: "מען רעדט צום אייבערשטן". זאגט ער: "וואס רעדט מען צום אייבערשטן?" זאגט ער אים: "מען בעט דעם אייבערשטן ער זאל געבן א גוט יאר, א געזונטע יאר". האט ער זיך אנגערופן: "טאטי, וואס זאל איך זאגן פאר די אייבערשטער, .." זאגט ער: "איך בעט דיך, יעדער וועט זען אז טאמער דו ווייסט נישט וויאזוי מען דאווענט אין די מחזור'ל וועל איך ווערן פארשעמט און דו וועסט ווערן פארשעמט אז דו קענסט נישט, שטיי נעבן מיר, וועסט הערן ווי אזוי איך דאווען און דו וועסט אזוי דאווענען, וועסט אריינקוקן אין מחזור אבער דו דארפסט גארנישט...".

דאס קינד האט נישט געקענט אויסהאלטן, ער האט געזען וויאזוי אידישע קינדער דאווענען, מען בעט דעם אייבערשטן, מען דאווענט פאר'ן אייבערשטן מיט א התלהבות. איז ער געגאנגען, האט ער געגעבן שנעל א פייף מיט'ן מויל, ס'האט געמאכט אזא רעש אין הימל: א אידיש קינד וויל דאווענען צום אייבערשטן מיט'ן הארץ, ער האט געזען ווי אזוי די אידישע קינדער דאווענען האט ער געגעבן א פייף, מיט דעם פייף האט זיך געגעבן א וועק אויף אין הימל די שערי רחמים און מ'איז אנגעשריבן געווארן פאר א גוט יאהר.

עטס זענטס בחורים וואס ב"ה עטס קענטס דאווענען, עטס ווייסט וואס מען דאווענט, עטס ווייסט וואס מען דארף בעטן, עטס זאלטס בעטן דעם אייבערשטן, חודש אלול א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י, דאס איז דער איינציגסטער חודש וואס דער אייבערשטער זאגט אני לדודי ודודי לי, אונז זעמיר צו דיר דו זיי צו אונז, און דער אייבערשטער איז מיט אונז. מען זעט דעם צירוף פון דעם חודש איז וצדקה תהיה לנו כי, מען בעט דעם אייבערשטן טו אונז א צדקה, כי, ווייל, ווייל וואס, וצדקה תהיה לנו ווייל אונז טו מיר אויך צדקה. די זעלבע בחינה ואני לדודי ודודי לי.

וואס איז אונזער צדקה, עטס זענטס בחורים, עטס לערנטס די הייליגע תורה, עטס האטס נישט קיין געלט צו געבן צדקה, צדקה איז דאך זיך מוסר נפש צו זיין, מ'געט ביכורים פאר'ן אייבערשטן, די וואכעדיגע סדרא והיה כי תבוא, מען געט ביכורים פאר'ן אייבערשטן, וואס הייסט ביכורים, ביכורים מיינט די ערשטע פירות וואס זענען געצייטיגט, די ערשטע צייט פון טאג, מען שטייט אויף פארטאגס, מען לערנט פאר'ן דאווענען און מען דאוונט ווי ס'דארף צו זיין, דאס איז די צדקה.

זאגט מען, רבונו של עולם, חודש אלול האסטו אונז געגעבן צדקה תהיה לנו כי, די צירוף פון דיין נאמען איז אז 'געב אונז א צדקה, כי ווייל אונז געב מיר דיך אויך א צדקה'.

עטס זאלטס וויסן, ברוך השם אז איך האב אזוי הנאה געהאט אז איך האב מיטגעדאווענט מיט ענק, איך האב געהערט די בחורים קומען, אבער איך האב מיך נישט גערעכנט אז איך גיי עפעס זאגן פאר ענק צי וואס, אבער נאך אזא דאווענען, א תפלה וואס קומט מיט אזא ברען מיט אזא חשק, און נאכדעם וויל מען הערן אווארט, נישט פון מיר, אלעס פון מיין הייליגע טאטע, פון רבינו הקדוש, אלעס איז פון זיין כח, עטס לעבטס און אונז לעבן, די גאנצע וועלט שטייט דאך אין זכות פון די צדיקים, זיי גייען פאר אונז מתפלל זיין, זיי גייען פאר אונז ממשיך זיין אלע גוטע זאכן, זיי גייען פאר אונז ממשיך זיין אלעס וואס מ'דארף מיר האבן, זה בכה וזה בכה, ישועות, רפואות, סייעתא דשמיא, בתורה, בתפילה און ערליכקייט און יראת שמים, מקבל זיין עול מלכות שמים, דאס איז די גאנצע זאך וואס מ'דארף.

ס'קומט די הייליגע טעג, איך ווייס נישט ווער ס'קען קומען קיין טאהש, אבער מיין הייליגע טאטע פלעגט עס אויך זאגן פאר די מענטשן, ס'איז דא אפאר מענטשן וואס זענען דא, און זיי זענען נישט דא, ס'איז דא מענטשן וואס זענען אין אמעריקע, צי וואו זיי זענען, און זיי זענען דא. עטס, צי מען קען קומען, הלוואי עטס זאלטס קענען קומען, איך האב הנאה מען זעט ענקערע גופים מיט ענקערע נשמות, אבער אז מען קען נישט, האט דער

## סגולה לתשובה

**עס דערציילט הרה"ח ר' שלמה בלעקמאן שליט"א פון קרית טאהש:**

ס'איז געווען א בחור אין ישיבה וואס האט געהאט פארשידענע שוועריקייטן מיט דער ישיבה, ער איז זיך נישט אויסגעקומען מיט די מגידי שיעורים און האט זיך נישט געקענט צופאסן צו די תקנות הישיבה, און ס'איז געקומען צו א מצב וואס די הנהלת הישיבה האט מחלט געווען אז מען דארף דעם בחור פארשיקן פון ישיבה, דער בחור מוז אהיימגיין. דער בחור איז טאקע אהיימגעפארן, אבער ער האט נישט געקענט טרעפן קיין אן אנדערע ישיבה, און האט ער זיך סתם געדרייט אין די גאסן. איבריג צו זאגן, זיין מצב אין אידישקייט האט נישט געהאט קיין עליה אין יענע צייטן...

איך פלעג ארבעטן יענע צייטן אינעם אפיס פון ישיבה, איך פלעג מאכן טעלעפאן קאלס בשליחות פונעם רבי'ן. איין טאג רופט אריין אין אפיס דער בחור וואס מען האט אהיימגעשיקט פון ישיבה, ער וויל רעדן צום רבי'ן. דער רבי האט גענומען דעם טעלעפאן, און דער בחור האט זיך אפגערעדט פאר'ן רבי'ן אז ער דרייט זיך שוין ארום א לענגערער צייט אן קיין ישיבה, און ער איז זייער צובראכן פון זיין מצב אין אידישקייט, ער דארף חיזוק. זאגט אים דער רבי, "איך האב פאר דיר א גוטן פלאן: זאלסט יעדן טאג ליינען מעשיות צדיקים, אפילו אין אידיש, דו קענסט אוועקגעבן פאר דעם אפילו עטליכע שעה א טאג, און דורכדעם וועסטו באקומען שטארקע חיזוק אין אמונה און דו וועסט צוריקבאקומען א חשק צום לערנען, און אזוי ארום וועסטו דיך קענען צופאסן און צוריקקומען לערנען אין ישיבה."

*

## ילמד שני דפים

איך האב זיך געהאט איינגעפירט א געוויסע חומרא, וואס איך האב מיר געהאט אינטער גענומען לגדר ולסייג. למעשה האט אבער נישט געטויגט די הנהגה, עס איז געפאלן צו שווער אויף מיר. איך האב פארשטאנען אז איך דארף אויפגעבן די חומרא, אבער איך האב קודם געוואלט הערן דעם רבי'נס מיינונג דערויף. בין איך געגאנגען פרעגן דעם רבי'ן וואס עס איז זיין חוות דעת אין דער ענין. האט מיר דער רבי געזאגט אזוי; אז דו קענסט נישט מקיים זיין דער חומרא, ביי דעים פאל אויף וואס דו האסט דיך עס מקבל געווען, מאך עס ערגעץ אנדערש, למשל אויב האסטו ביז היינט געלערנט איין דף, לערן פון היינט און ווייטער צוויי דפים, עס זאל זיין במקום יענע חומרא.

## 'וויאזוי דאווענט מען'

**עס דערציילט הרה"ג ר' איסר נפתלי מערמלשטיין שליט"א - פון קרית טאהש.**

איך האב מיטגעהאלטן א מעשה וואס איז מיר מורא'דיג אריין אין די ביינער אויף שטענדיג. איינמאל ווען מיין מאמע ע"ה איז אריינגעגאנגען צום הייליג'ן רבי'ן זי"ע, - דאס איז געווען ווען מען האט אנגעטראגן א שידוך פאר מיין ברודער, און פאר מיין מאמען ע"ה איז נישט געפאלן, אז מען האט אים אנגעטראגן אזא סארט שידוך, - האט זי געזאגט פארן רבי'ן זי"ע אז דער רבי זאל אנוואונטשן פאר מיין ברודער אז ער זאל באקומען דעם ריכטיגן שידוך "וואס עס קומט זיך אים", ווי נאר דער רבי האט געהערט די ווערטער פון מיין מאמען ע"ה, איז ער אויפגעשפריגן פון בענקל, און אזוי שטייענדיג געזאגט פאר מיין מאמען ע"ה, "איך מוז אייך עפעס אויס לערנען, פונעם אויבערשטן בעט מען נישט וואס עס קומט זיך, מען בעט פונעם אויבערשטן ער זאל אונז געבן צוליב זיין גרויס רחמנות אוף אונז!!!, ער זאל געבן א גוטע שידוך אויף וואס מען האפט, און א גוט פרייליך לעבן וכל טוב סלה, - צוליב זיין גרויס רחמנות, און חלילה נישט צוליב וואס עס קומט זיך, אז מען בעט צוליב דעם אויבערשטנס רחמנות, קען מען אלעס אויסבעטן און באקומען". (עיין בספה"ק קודשת לוי בהפטורה לפרשת נצבים).

# א.ק. אבותינו סיפרו לנו

זכרונות פון די לעבעדיגע זמנים וואס מ'האט זוכה געווען לחסות בצל הקודש אצל
כ"ק מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע

## 'אך טוב לישראל'

**עס דערציילט הרה"ח ר' צבי ארי' פריש שליט"א - פון קרית טאהש / ירושלים.**

אין די יאר וואס די קהילה קדישא 'תולדות אברהם יצחק' איז נתייסד געווארן - דורך כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א, האט מיר דער תוא"י רבי אנגערופן פאר די הייליגע טעג, און געבעטן אויב איך קען אים העלפן צוקומען צום הייליגן רבי'ן אויפן טעלעפאן, ווייל ער וויל באקומען א ברכת קודש פונעם צדיק לקראת הימים הקדושים. איך האב אים עס אוודאי' טאקע בס"ד מסדר געווען, און אזוי איז אויסגעקומען אז איך האב דורך מיין טעלעפאן ליניע (טריוועי") אויך געקענט מיטהאלטן די שיחות קודש וואס האט זיך דאן אנטוויקלט. געדענק איך אז אינמיטן די שמועס האט זיך דער רבי זי"ע אויסגעדריקט א הייליגער אויסדרוק אויף זיך אליינס, וזל"ק: "אונזער עבודה אינעם הייליגען טאג איז, אז עס זאל נאר גוט זיין פאר אידישע קינדער".

**עס דערציילט מוה"ר ר' נחמן שמואל זנוויל הערשקאוויטש שליט"א - פון קרית טאהש**

כל נדרי פארנאכט'ס פארן זמן פונעם דאווענען. דער עולם פלעגט זיך שוין דאן צוזאמקלייבן און בית המדרש הגדול, און ווארטן אויף די מאמענט ווען דער הייליגער רבי וועט אריינקומען אין בית המדרש, מען פלעגט אסאך מאל קענען ווארטן א לענגערע צייט ביזן רבי'נ'ס אריינקומען. האט איינמאל דער רבי געשיקט זאגן פארן עולם, אז ביז ער קומט אריין און בית המדרש זאל מען זאגן תהלים. הרה"צ ר' חיים יעקב גאלדשטיין שליט"א פלעגט זינט דאן, זיך טאקע שטעלן נעבן די עמוד און פארזאגן הויער תהלים, ביז דער רבי איז ערשינען אין בית המדרש.

איך וויל דא אראפגעבן וויאזוי עס האט אויסגעקוקט די 'כל נדרי דרשה' פון רבינו הק' אין יאר תשנ"ב. יענעם יאר איז יום הקדוש אויסגעפאלן ביום השב"ק. דער רבי זי"ע איז אריינגעקומען צו כל נדרי גאר שפעט. דער רבי איז גלייך ארויפגעגאנגען אויפן ארון הקודש, און אנגעפאנגען די 'כל נדרי דרשה' מיט די פסוקים פון דרשו ה' "בהמצאו", זאגנדיג אז דאס מיינט די ה' מוצאות הפה, ארומרעדנדיג עטליכע מינוט אויפפאדערנדיג כל הנאספים אז אז מען דארף מתקן זיין דאס מויל א.א.וו.

נאך אפאר מינוט רעדן, האט דער רבי געזאגט, 'עס איז זייער שפעט געווארן, אבער איך מוז ענק זאגן זייער א וויכטיגע זאך'. און דער רבי האט אנגעהויבן צו זאגן מיט א געוואלדיגע קאך, און מיט גרויס התלהבות: "יודישע קינדער האבן א מורא'דיגער אוצר, דאס אז א יוד דארף זיין בשמחה מיט דעם אז ער איז א יוד, און בשמחה מיינט נישט סתם ארומשפילן, ארומלאכן, און ארומזינגען מיט א פידעלע, עס מיינט זיין צופרידן אז מען איז א יודיש קינד". דער רבי האט שטארק ארויסגעברענגט דער ענין פון שמחה של יהודי, ווי שטארק אן איד ברויך דאס צו האבן. און נאכדעם האט דער רבי ווייטער גאנץ לאנג גערעדט.

איינע פון די זאכן וואס דער רבי האט דעמאלטס גערעדט, אז מ'דארף זיך איבערבעטן מיט אן אמת'ע אהבת ישראל, א מענטש כאפט זיך נישט אז עס ליגט באהאלטן א נגיעה, א באהאלטענע ווייטאג אויף יענעם, זאל מען דאס ארויסנעמען און מבטל זיין, און יענעם מוחל זיין, א מענטש כאפט זיך אפילו נישט ווי ווייט ער באהאלט דאס, ער מיינט ער איז נישט ברוגז אויף קיינעם, אבער אין אמת'ן באהאלט עס די יצר הרע טיף אינעווייניג אין אים. דערנאך האט דער רבי גערעדט פון צער השכינה, אז 'בכל צרתם לו צר', די שכינה פילט מיט די צער פון יודישע קינדער און אז אידן זענען נאך ליידער אין גלות'. בשעת'ן זאגן די ווערטער האט זיך דער רבי צוויינט, וואס איז אגב געווען זייער א זעלטענע זאך ביים רבי'ן. און דער רבי האט ממשיך געווען און געזאגט אז ווען יום הקדוש געפאלט אויס אום שב"ק, איז א גרעסערע עת רצון פאר די גאולה שלימה.

אזוי האט דער רבי ארומגערעדט גאנץ לאנג בערך א האלבע שעה. נאכדעם האט דער רבי געזאגט 'עס איז טאקע זייער שפעט געווארן, אבער דאס מוז איך ענק זאגן, זייער א וויכטיגע זאך'. און דער רבי האט נאכאמאל איבערגע'חזר'ט וואס ער האט פריער געזאגט, : "יודישע קינדער האבן א מורא'דיגע בריליאנט א מורא'דיגע אוצר, דאס אז א יוד קען זיין פרייליך מיט דעם אז ער איז א יוד, און אז ער האט די זכיה צו דינען דעם אייבירשטען, און בשמחה מיינט נישט סתם ארומשפילן, ארומלאכן, אדער ארומזינגען מיט א פידעלע, עס מיינט זיין צופרידן און גליקליך אז מען איז א יודיש קינד".

---

אייבערשטער אזוי געפירט, איז אפילו עטס זענטס נישט דארט זענען עטס דארט, ווייל ענקער מחשבה איז דארט.

זאלט עטס זען, עטס זאלטס דאווענען ווי ס'דארף צו זיין, אינזין האבן, קודם זאלטס עטס ענק אינזין האבן, ענקערע עלטערן, עטס זאלטס מיך אויך אינזין האבן, איך הייס אלימלך בן חוה, איך דארף אסאך תפילות, אידישע קינדער בעטן, איך דארף קענען צוקומען, איך דארף אויך זיין א ריינע נשמה, ס'איז קל כביר לא ימאס תפלת רבים, דער אייבערשטער ווארפט נישט אוועק ווען א ציבור בעט, ווען א ציבור בעט פאר מיר האב איך א כח.

מיין הייליגע טאטע, די זכות אבות, די זיידעס זאלן אונז ביישטיין, מען זאל קענען בעטן, בעט מען איינער פאר'ן אנדערן, המתפלל בעד חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה, מען דאווענט פאר'ן אנדערן און ער דארף אויך צוקומען צו דעם איז הוא נענה תחילה, עטס וועטס אינזין האבן אנדערע וועט עטס אליין געהאלפן ווערן מיט אלעם גוטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין די תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, מען זאל זוכה זיין תכלה שנה וקללותיה תחל שנה וברכותיה, ס'זאל זיין א ברכה'דיג יאר בתורה, הצלחה ברוחניות ובגשמיות, יעדער זאל שטייגן מעלה מעלה בתורה ובעבודה ובמדות טובות, האבן פון אלעם גוטן, דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין א שנת גאולה וישועה. זייטס אלע געזונט און שטארק, האטס א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

אלימלך סג"ל לאווי
אבדקק טאהש
רחוב בית הלוי 9
קרית טאהש, קאנאדא

בס"ד

Grand Rabbi E. Lowy
9 Beth Halevy Ave.
Kiryas Tash
Boisbriand P.Q. Canada

בין כסא לעשור שנת תשפ"ב הבעל"ט

אל מעלת כבוד אנשי שלומינו תלמידי וחסידי אאמו"ר רבינו הקדוש זיעועיכ"א

בהימים הקדושים המסוגלים האלו, אשר כאו"א עושה דין וחשבון לנפשו, חיובא רמיא עלינו לראות ולהכיר חסדיו ורחמיו הגלוים אשר עשה עושה ויעשה לנו הוא יתברך תמיד, אשר שם נפשנו בחיים ולא נתן למוט רגלינו.

ועתה כאשר הננו זוכים להמתנה הגדולה אשר זיכה אותנו השי"ת ברוב רחמיו וחסדיו להמליך מלכותו מחדש עלינו ועל דורותינו, שימה עלינו להתחזק בעבודתו יתברך שמו ביתר שאת וברוב אומץ ובשמחה ובטוב לב.

אמרו חכז"ל בא חבקוק והעמידן על אחת וצדיק באמונתו יחיה, ומובא בשם הבעשטה"ק זיעועכי"א אל תקרא יחיה, אלא יְחַיֶּה, כלומר יחיה אחרים, היינו שעל ידי שנשרש בנו האמונה הטיב בתמידיות, נוכל להחיות בזה הכח גם לאחרים. לכן חובה כפולה ומכופלת עלינו לומר לשנן ולחזור על הי"ג עיקרים בכוונה ובלב שלם, ובזה להנחיל אמונת אומן לזרענו, כמש"כ למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ויאמר כל אשר נשמה באפו, ה' אלקי ישראל מלך, ומלכותו בכל ממשלה.

בא וראה גודל כחה של אמונה שלימה, וזל"ק של רביה"ק מהרי"א מקאמארנא זי"ע בספה"ק זוהר חי, להאמין בהשגחה פרטיות של השי"ת על כל תנועה, ועל כל פרט ופרטי פרטיות, בכל תנועה הוא אלופו של עולם, ויודע שכל מאורעות של אדם הוא ממנו יתברך, הן דבר קטן הן דבר גדול, הכל בדין אדני דינא דמלכות שמים, ובאמונה זאת ממשיך עינים עליונים לה ממות לחיים.

וכן מה שמובא בספה"ק אגרא דפרקא עה"פ רבים מכאובים לרשע, אפילו רשע המסובב במכאובים, אבל בוטח בה', ולא שם מבטחו אל רהבים לומר כוחי ועוצם ידי, אז הוא זוכה שחסד יסובבנו, והשם יתברך יראה לו חסדים.

ובעת כזאת אשר הגענו למלכות, חזקו ונתחזקה בלימוד התורה הקדושה שיהיו תמידין כסדרן ומוספין מוסיף והולך כי מעלין בקודש, ונתאמץ בכל עוז, אין עוז אלא תורה, ללמוד בהתמדה לכה"פ בוקר וערב חק ולא יעבור, והמאור שבה יחזירנו למוטב, כי אין שיור רק התורה הזאת, וזאת נחמתי בעניי כי אמרתך חיתני.

וכן אשים דברתי על חיזוק מסורת דת ודרכי אבותינו ורבותינו הקדושים זי"ע בכל הענינים והמנהגים, ובפרט בזהירות לבושי אנשים נשים וטף, להתנהג ולילך בדרכם, ולא לסור ח"ו אחר דרכים חדשים אשר מקרוב באו, כי בזה יהיה לנו שורש למעלה ופרי למטה לראות דורות ישרים ומבורכים זרע ברך ה'.

יהא רעוא מן שמיא שיתקבלו תפלותינו ברחמים וברצון, כי אתה שומע תפלות כל פה עמך ישראל ברחמים, וטהר לבנו לעבדך באמת, והשי"ת יריק לנו ולכל ישראל שפע קודש משמים ממעל, ונזכר ונכתב לפניך אנחנו וכל עמך בית ישראל לחיים טובים ולשלום, ויזכנו בברכה המשולשת בני סמיכי חיי אריכי ומזוני רויחא, ובריות גופא ונהורא מעליא, ישועות ורפואות בגוף ובנפש, אבינו מלכינו הרם קרן ישראל עמך, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

באעה"ח פה קרית טאהש יע"א, החותם באהבה בכל חותמי ברכות, בברכת גמר חתימה טובה ושנת גאולה וישועה

אלימלך סג"ל
בלאאמו"ר גה"ק זצוקללה"ה

יו"ל ע"י
איחוד תלמידי וחסידי טאהש
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

718.451.8674 - EXT. 8 - 514.500.8674 - EXT. 8
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950